# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פר' דברים
שנה ג'

## אויף וואס קלאגן מיר?

### די געלעגנהייט צו קונה זיין עולם הבא

ישעיהו הנביא ערקלערט, שִׂמְחוּ אֶת־יְרוּשָׁלַם וְגִילוּ בָהּ כָּל־אֹהֲבֶיהָ - פרייט זיך מיט ירושלים אלע אירע ליבהאבער, שִׂישׂוּ אִתָּהּ מָשׂוֹשׂ כָּל־הַמִּתְאַבְּלִים עָלֶיהָ - פרייט זיך מיט איר די אלע וואס טרויערן אויף איר (ישעיהו סו, י).

די גמרא (תענית ל, ב) דרש'נט אויף דעם פסוק, כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה - יעדער וואס טרויערט אויף ירושלים וועט זוכה זיין צו זען איר שמחה. דער דרש דארף א פירוש וואס מיר וועלן בעזהשי"ת שפעטער ארומרעדן.

דער רמב"ם (הלכות מלכים יב, ד) איז מסביר ווי אזוי צדיקים קלאגן ריכטיג אויף ירושלים. די סיבה פארוואס זיי לעכצן פאר איר אויפבוי איז נישט ווייל זיי גלוסטן צו דער פרייליכקייט פון וואוינען אינעם גאלדענעם לאנד פון זבת חלב ודבש. נישט דאס איז אויף וואס זיי קלאגן. כאטש ס'איז נישט קיין שאלה אז ביי דער גאולה וועט דאס לאנד ווידער באנייט ווערן צו איר אמאליגן גרויסקייט, אפילו אינעם פיזישן הינזיכט, אבער נישט דאס מיינט מתאבל על ירושלים. נישט אויף דעם בענקט מען. דער רמב"ם איז מסביר אז זיי לעכצן צו זיין פריי פון שעבוד גלות, פון זיין אונטערדריקט אונטער די פעלקער פון גלות.

לייג צו קאפ צו די פאלגנדע ווערטער פונעם רמב"ם: לא נתאוו החכמים והנביאים ימות המשיח, לא כדי שישלטו על כל העולם, ולא כדי שירדו בעכו"ם, ולא כדי שינשאו אותם העמים, ולא כדי לאכל ולשתות ולשמח, אלא כדי שיהיו פנויין בתורה וחכמתה, ולא יהיה להם נוגש ומבטל, כדי שיזכו לחיי העולם הבא. זיי לעכצן צו זיין פריי אין זייער אייגענעם לאנד אז זיי זאלן קענען עוסק זיין בלויז אין תורה, און צוליב דעם וועלן זיי זוכה זיין צו עולם הבא. ס'איז אן אינטערסאנטע נקודה וואס מיר דארפן חזר'ן.

### מיר קלאגן פאר שלימות

אלע הסברים איבער דעם ענין וועט זיין צופיל אויסצושמועסן, אבער כאטש

בעריכה מיוחדת גליונות לשבת קודש

זענען מיר אז ווען מיר קלאגן אויף ירושלים, טוען מיר דאס צוליב רחמנות אויף אונז זעלבסט. מיר שפירן זיך אזוי שלעכט אז מיר האבן נישט קיין געלעגנהייט פאר גרויסקייט, אויסצוארבעטן אונזער כאראקטער און פערזענליכקייט וואס מיר האבן געהאט אין די אלטע גוטע צייטן. דעריבער ווארטן מיר און האפן מיר אויף איר באנייאונג אז מיר זאלן זוכה זיין צו שטייגן דאס מערסטע וואס מעגליך ווען די געלעגנהייט וועט אונז ווידער געגעבן ווערן.

דער רמב״ם זאגט קלאר, כדי שיהיו פנויין בתורה וחכמתה. מיר קלאגן אויף די אמאליגע צייטן ווען מיר האבן עוסק געווען אין לערנען תורה. דאס מיינט נישט נאר תורה. אלע געלעגנהייטן צו שטייגן אין מח און אין הארץ וואס די אמאליגע צייטן האבן געגעבן צו אונזערע עלטערן.

מיר ווארטן פאר די געלעגנהייטן, ווייל מיר באגערן ווידעראמאל נישט צו פארשווענדן אונזער לעבן. נאך אלעם לעבן מיר נישט פאר שטענדיג. יעדער מענטש וואס האט עפעס ערנסטקייט וויל מאכן עפעס א לייט פון זיך.

א גרויסער חלק פון אונזער לעבן ווערט פארשווענדעט אויף ווערטלאזע זאכן ווייל מיר געפינען זיך צווישן די פעלקער. ווען מיר וועלן ווידער זיך געפונען אויף אדמת קודש, וועלן מיר קענען זיך איבערגעבן אינגאנצן צו ווערן דאס בעסטע וואס נאר מעגליך. דעריבער, אויף וואס קלאגן מיר? אויפ׳ן שלימות וואס איז געווען בנמצא אמאליגע צייטן.

ווען די גמרא ברענגט זוכה ורואה בשמחתה, איז דאס א רמז אז ווי מער דו וועסט לעכצן, אלץ מער וועט הקדוש ברוך הוא דיר געבן די געלעגנהייט שוין יעצט. ער וועט דיר העלפן דערגרייכן די אמביציע צו מאכן פון דיר די בעסטע פערזענליכקייט, נאר אינעם זכות פונעם קלאג אויף דעם וואס מיר האבן פארלוירן ביים חורבן.

## די פארלוסט פון נבואה

מיר וועלן דאס יעצט חזר׳ן מיט פרטים: אין די צייטן פון בית המקדש זענען געווען געוואלדיגע געלעגנהייטן וואס האבן ערמעגליכט פאר מענטשן צו זיין געטריי און ענערגיש צו ווערן דאס וואס זיי האבן געהאפט און ארויפגעקוקט. איינע פון די געלעגנהייטן איז געווען דער עקזיסטענץ פון נבואה,

אין משלי ווערט כסדר איבערגע׳חזר׳ט, אֹזֶן שֹׁמַעַת תּוֹכַחַת חַיִּים בְּקֶרֶב חֲכָמִים תָּלִין - דער אויער וואס הערט מוסר וועט רוען צווישן חכמים (משלי טו, לא). וְדֶרֶךְ חַיִּים תּוֹכְחוֹת מוּסָר - דער וועג פון לעבן איז שטראפרייד פון מוסר (ו, כג).

אוודאי קענען מיר דאס היינט נישט פראקטיצירן ווי אין די אמאליגע צייטן. היינט, אויב מיר ווילן מוסר׳ן איינעם און אים איינמעלדן זיינע פעלערן, וועלן מיר אים מער נישט זען פאר די אויגן... ווייל ס׳שטייט (שם ט, ח), אַל־תּוֹכַח לֵץ פֶּן־יִשְׂנָאֶךָּ - זאלסט נישט מוסר׳ן א לץ ווייל ער וועט דיך פיינט האבן. און א גרויסער חלק היינט זענען אין דער קאטעגאריע פון לצים. מיר דארפן זיך חושד זיין, ובפרט אין אמעריקע וואס איז א לאנד פון לצים, אין דער

קאטעגאריע צו וואס משלי באציט זיך. דערפאר קענסטו נישט זאגן פאר מענטשן דירעקט וואס עס איז נישט בסדר מיט זיי.

אין די אמאליגע צייטן פלעגן די מגידים, די בעלי דרשנים, ארומגיין צו די קהילות און גערעדט שעות פון קריטיק. די מענטשן האבן זיי אויסגעהערט מיט געשמאק. אבער אפילו דאס איז נישט אין קאנטראסט צו די טעג פון נביאים! ווען דער נביא איז געקומען, האט ער גערעדט מיט דער גרעסטער מאס שטארקייט צו מוסר'ן יעדע פירצה וואס איז נישט געווען ריכטיג. קיינער, נישט דער קעניג, נישט דער תלמיד חכם, נישט דער עושר, קיינער איז נישט פארשוינט געווארן פון דער קריטיק. דארפסט פארשטיין אז פון אלע תפקידים פון די נביאים איז געווען זייער וויכטיגסטע פונקציע הוכח תוכיח. אלס א רעזולטאט פון כסדר'דיגע מוסר איז דאס פאלק שטענדיג געווען אויפ'ן דרך פון תשובה.

נאר ביים סוף פון דער עפאכע פונעם ערשטן בית המקדש זענען אויפגעקומען אויף דער ארענע פאלשע נביאים, ווייל מענטשן האבן געוואלט אן אנדער סארט נבואה, נישט קריטיק. אזוי ווי ס'שטייט אין איכה (ב, יד), נְבִיאַיִךְ חָזוּ לָךְ שָׁוְא וְתָפֵל וְלֹא־גִלּוּ עַל־עֲוֹנֵךְ לְהָשִׁיב שְׁבוּתֵךְ וַיֶּחֱזוּ לָךְ מַשְׂאוֹת שָׁוְא וּמַדּוּחִים - דיינע נביאים האבן געזעהן פאר דיר פאלשקייט, און זיי האבן נישט אנטפלעקט דיין זינד אז דו זאלסט זיך אומקערן, און זיי האבן געזעהן פאר דיר פאלשקייט און פארפירעניש.

אבער ביז די צייטן פון די פאלשע נביאים האט זיך כלל ישראל פארלאזט אויף די נביאים זיי צו פירן צו שטייגן אין עבודת השם.

אין די טעג פון די נביאים האט אמת געשוועבט אויף דעם אידישן פאלק. מענטשן פלעגן באלאגערן דעם נביא. כאטש זיי האבן ביטערליך גע'מוסר'ט, זענען זיי נאך געקומען יעדע וואך אים צו הערן. געדענקסט די מעשה ווען די פרוי האט געפירט איר אייזל צו א פלאץ און מען האט איר געפרעגט, "וואוהין גייסטו?" האט זי געענטפערט, "איך גיי צום נביא." האבן זיי איר געזאגט, הַיּוֹם לֹא־חֹדֶשׁ וְלֹא שַׁבָּת (מלכים ב ד, כג). ס'קוקט אויס אז ראש חודש און שבת איז געווען זעלבסטפארשטענדליך פארוואס זי זאל רייזן צום נביא. יעדער איז געגאנגען צום נביא! זיי פלעגן רייזן ווייטע שטרעקעס אויף די אייזלען, אדער זענען זיי געגאנגען צופוס גאנצע מאסן מענטשן צום נביא יעדן שבת און ראש חודש.

די אויבערדערמאנטע מעשה האט פאסירט אין דעם חלק וואס האט באלאנגט צו די עשרת השבטים. די עשרת שבטים זענען געווען אפגעטיילט פון ירושלים. זיי זענען נישט געווען פון די בעסערע שיכטן פון פאלק, און נאכאלץ איז מען ביי די עשרת השבטים געגאנגען יעדן ראש חודש און שבת צו הערן דעם נביא.

און וואס האט זיי דער נביא געזאגט? ער האט זיי נישט געזאגט קיין וויצן. ער האט זיי געזאגט וואס איז נישט גוט מיט זיי! און ער האט עס געזאגט אויפ'ן הארבסטן אופן. די קלענסטע זינד איז פארגעשטעלט געווארן אין שטרענגע ווערטער. דאס איז געווען דער סיסטעם פונעם נביא. גארנישט איז נישט פארעכנט געווען קליין.

שלמה המלך זאגט אונז אז דאס איז דער וועג מצליח צו זיין אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. וְדֶרֶךְ חַיִּים תּוֹכְחוֹת מוּסָר, וואס מיינט לעבן? לעבן מיינט אלעס אין לעבן. ס׳מיינט שלום בית. פארהייראטע לעבן איז מצליח אויב ס׳איז דא איינער דיר צו זאגן אז דו ביסט נישט גערעכט און דו ביסט נישט גערעכט! ענק זענען ביידע נישט גערעכט. היינט־צוטאגס פארשטייט יעדער אז ער איז גערעכט און דער צווייטער איז אינגאנצן נישט גערעכט.

אבער אין די טעג ווען ס׳זענען געווען נביאים, איז מען געגאנגען צום נביא און ער האט זיי געזאגט דעם ריינעם אמת, און דער נביא האט נישט פערצופאל צוגעטראפן, ער האט געוואוסט דעם אמת. און נישט נאר האט ער געמוסר׳ט די מענטשן וואס זענען געקומען צו אים נאר ער האט עס אויך געטון צו די מענטשן וואס זענען אוועקגעלאפן פון אים. ער האט זיך אוועקגעשטעלט פארנט פונעם פאלאץ און ארייגעשריגן אין קעניג׳ס פענסטער... קעגן אים. אין אסאך פעלער פלעגט דער קעניג ארויסקומען און זיך מכניע געווען און געזאגט, ״ביטע אנטשולדיגן, איך וויל תשובה טון.״

ווען מענטשן האבן איינעם וואס זאל זיי קריטיקירן, וועלן זיי מצליח זיין אין לעבן. ס׳איז נישט קיין שאלה. ס׳וועט זיין שלום אויף דער וועלט. מענטשן לעבן בעסער ווען זיי ווייסן וואס ס׳איז נישט גוט מיט זיי. זיי לעבן לענגער. ס׳איז דא מער אחדות צווישן מענטשן ווען זיי ווייסן אז זיי האבן נישט ריכטיג געטון און זיי זענען געצוואונגען צו בעטן מחילה איינער דעם צווייטן. ס׳איז נישט קיין שאלה אז פרייליכקייט און הצלחה ווערט פארמערט אויף דער וועלט ווען ס׳איז דא א נביא, א מוכיח. מיר דארפן קריטיק און מיר האבן עס נישט.

## דו קענסט דיך נישט אליין

ס׳איז דא פארשידענע זאכן אויף דער וועלט וואס איז שווער צו פארשטיין - אסאך זאכן. די וועלט איז פארעכנט אלס טונקלקייט. כִּי־הִנֵּה הַחֹשֶׁךְ יְכַסֶּה־אֶרֶץ - טונקלקייט באדעקט די וועלט (ישעיהו ס, ב). די גמרא איז מסביר אז השי״ת האט געמאכט טונקלקייט אויף דער וועלט אז די מענטשן זאלן נישט זען דעם אמת גרינגערהייט. ס׳איז נישט אזוי גרינג צו זען דעם אמת אויף דער וועלט. פון אלע זאכן וואס ס׳איז שווער צו פארשטיין איז דאס שווערסטע זיך אליין צו פארשטיין. צו פארשטיין ווער דו ביסט איז די זאך וואס דו פארשטייסט דאס ווייניגסטע. דאס איז עפעס וואס דו ווייסט דארפן חזר׳ן זייער גוט ווייל זיך אליינס צו דערקענען איז פון די גרעסטע תפקידים.

ס׳דא א מענטש וואס קומט אריין, ער איז אנגעטון ווי א צדיק. א גאנצן טאג דרייט ער זיך צווישן די שטיבלעך אין אונזער געגענט. פרעג איך אים, ״ביסט חתונה געהאט?״

״ניין.״

״וואו אלט ביסטו?״

״איך בין אין מיינע דרייסיגערס,״ זאגט ער מיר.

ער איז אין זיינע דרייסיגערס און ער איז נישט חתונה געהאט?! א פארפאטשקעטער

מענטש! ביסט א דבוק בתורה? ביסט א גדול בתורה? זייער ווייט דערפון. ער פארשווענדעט זיין לעבן. פרוביר דאס צו זאגן פאר איינעם.

א צווייטער ווי אים איז אריינגעקומען דא, פרעג איך אים, "וואס וועט זיין דער תכלית? וואס וועט זיין מיט דיר?" ער האט מיר געגעבן א טרויעריגן בליק פאר בושה און מער האב איך אים נישט געזען. דו דארפסט זיין א אוהב מוסר. דו דארפסט זיין ווילig צו הערן קריטיק. איינער דארף זיי זאגן, "גיי ארבעטן, לערן דיך א פאך. דו דארפסט ברענגען פרנסה און חתונה האבן. פארוואס זאל א מיידל וועלן חתונה האבן צו א ליידיגייער אזוי ווי דו?! דו פארשווענדעסט דיין לעבן."

די משנה זאגט (גיטין מא, ב), לא נברא העולם אלא לפריה ורביה - די וועלט איז באשאפן געווארן אויפצושטעלן דורות. ווער וועט אים דאס זאגן? ער זוכט אפיר א בית מדרש וואו דער רבי דארף אים האבן משלים צו זיין דעם מנין, און דער רבי האלט זיך דאס מויל. ער קריטיקירט אים נישט און אזוי פארשווענדעט ער זיין לעבן.

ס'איז דא אזויפיל מוסר אפילו פאר גוטע מענטשן. אויף דער וועלט קענען מיר נישט מצליח זיין נאר אויב מיר ווייסן דעם אמת פון זיך אליין. וועגן דעם טרעפן מיר אזויפיל דורכפעלער אויף דער וועלט. מענטשן פאלן דורך אין ביזנעס ווייל זיי פירן זיך נישט אויף ווי ס'דארף צו זיין; זיי זענען נישט געזונט ווייל זיי פירן זיך נישט אויף ווי ס'דארף צו זיין; זיי זענען א דורכפאל אין משפחה־לעבן ווייל זיי פירן זיך נישט אויף ווי ס'דארף צו זיין. זיי זענען נישט פרייליך און זיי גייען צו אנדערע נישט פרייליכע מענטשן וואס ווערן אנגערופן פסיכיאטערס און זיי צאלן נאך דערפאר. ס'איז א שאד פאר די געלט ווייל די אומצופרידענע מענטשן קענען נישט מאכן אנדערע צופרידן. דעריבער וואס עס פעלט זיך אויס איז איינער וואס זאל זיי זאגן וואס איז נישט גוט מיט אים און ווייזן וואס ס'איז נישט גוט מיט די פסיכיאטערס. דאס איז דרך החיים, דער וועג פון לעבן.

## ווער וועט דיר צוהאלטן דעם רידער

אויף דער וועלט איז פון די וויכטיגסטע זאכן צו האבן איינעם וואס זאל דיר פירן דעם רידער צום ריכטיגן וועג. אויב נישט, איז עס ווי א מענטש וואס זיצט ביים רידער פון זיין קאר מיט די אויגן פארמאכט. איינער דארף אויפמאכן זיינע אויגן פאר דיר אז דו זאלסט זען וואו דו גייסט כדי צו קענען מצליח זיין אין לעבן.

און אין דער קומענדיגער וועלט איז גארנישט אנדערש. א מענטש וועט בכלל נישט האבן קיין הצלחה אויף יענער וועלט, נאר אויב ער האט איינעם אויף דער וועלט וואס וועט אים שטעלן אויף די פיס. ווייל די וועלט איז פול מיט אזויפיל שטרויכלונגען און אן א שיעור טעותים. ס'איז דא אזויפיל געלעגנהייטן זיך אפצוקערן פונעם וועג וואס פירט צו דערגרייכן דעם תכלית דא. דעריבער איז אוממעגליך פאר א מענטש קונה צו זיין עולם הבא, נאר אויב ס'איז דא איינער ארום אים וואס וועט אים אנווייזן זה הדרך ילכו בה, דאס איז דער וועג וואס דו דארפסט גיין, ווייל אויב נישט וועלן די טויזנטער שאסייען אים פירן אין דער וועלט אריין!

יעדער איינציגסטער מענטש ארום אונז וואנדערט איבער די שטעגן אין דער צייט וואס זייער לעבן ווערט פארשוועדעט. דעריבער, דרך החיים מיינט דער וועג צום לעבן, דאס מיינט פרייליכקייט אין יעדן הינזיכט, און אויך אין עולם הבא, דיין חיי עולם הבא. און וואס איז דער וועג וואס דו מוזסט דערגרייכן צו מצליח זיין אין לעבן אויף ביידע וועלטן? תוכחת מוסר. דו מוזסט האבן איינעם וואס זאל דיר אויס׳מוסר׳ן יעצט. דאס איז קריטיש וויכטיג, מער ווי אלע מעשיות פון א מענטש. ס׳איז גארנישט דא וויכטיגער וואס מיר דארפן ווי איינער וואס זאל אונז פירן, אונז אנווייזן וואס איז ריכטיג, אונז קריטיקירן און אונז זאגן וואס מיר האבן צו טון זיי צו פארעכטן. ס׳איז נישט דא קיין טייערערע זאך דערפון! דאס איז דער דרך החיים!

## דער עולם הבא שטיבל

לאמיר זאגן אז דו ווייסט פון א געוויסן שטיבל וואס דער רבי וועט דיר קריטיקירן ווען דו קומסט אריין, ״פארוואס ביסטו היינט געקומען שפעט?״ ״פארוואס ביסטו אהיים פריי?״ ״פארוואס האסטו געוועדט אינמיטן דאווענען?״ ״פארוואס האסטו דיך נישט אויפגעפירט ריכטיג?״ ״וואו איז דיין דרך ארץ?״ ״וואו זענען דיינע קינדער?״ ״ביסטו חתונה געהאט?״ אוודאי איז נישט דא אזא שטיבל. אבער דאס וואלט געווען דאס שטיבל פון הצלחה אויף דער וועלט און שמחה אויף יענער וועלט.

וואס האט הקדוש ברוך הוא געטון אמאליגע צייטן? ער האט געשאנקען פאר אונזער פאלק די גרעסטע מתנה, און דאס איז געווען די נביאים. דאס איז געווען איינע פון די גרעסטע זאכן פון די טעג פון אמאל. די נביאים זענען געשטעלט געווארן פאר׳ן ציל אוועקצושטעלן מענטשן אויף די פיס אז זיי זאלן מצליח זיין צו לעבן א געזונט לעבן אין עולם הזה.

געדענקסט ווען מ׳האט געלערנט אז שאול האט פארלוירן זיינע אייזלען? ער איז אריבער צום נביא כדי געוואויר צו ווערן וואו זיי זענען אהינגעקומען. אין יענע צייטן האט דער נביא געגעבן עצות אויך אין גשמיות. פארוואס זאל ער פארלירן צייט וואנדערנדיג אהין און אהער איבער די בערג זוכנדיג זיינע אייזלען? דער נביא קען אים גלייך זאגן, ״גיי אראפ די און די שאסיי און דארט זוך אויף דיינע אייזלען,״ און נאכמער ווי די אייזלען איז וויכטיג דיין באנעמונג מיט אנדערע מענטשן, מיט די בני בית, דער שווער און שוויגער און שכנים, און דיין באנעמונג מיט דיר אליין.

מאכסטו חרוב דיין געזונט? ביסטו אן עובד השם ווי עס באדארף צו זיין? פירסטו אויס די תרי״ג מצוות? איז דער נביא געקומען און ס׳איז געווען ממש א ישועה. ער האט געראטעוועט דאס פאלק.

## ווען מענטשן האבן עס מער נישט דערהויבן

מיר דארפן פארשטיין אז פאר הונדערטער יאר האבן די מענטשן טאלערירט די נביאים.

ס׳מיינט נישט אז יעדער האט אלעמאל געפאלגט, אבער זיי האבן אים ערלויבט צו רעדן. ס׳איז געווען א פאל וואס א נביא איז געקומען צום קעניג אים צו קריטיקירן, און פאר׳ן קעניג האט עס נישט געפאלן. האט ער ארויסגעשיקט איינעם פון זיינע מענטשן וואס איז נאכגעגאנגען דעם נביא און אים גע׳הרג׳עט ר״ל.

דער שרעקליכער אינצידענט איז קיינמאל נישט פארגעסן געווארן אין אונזער היסטאריע. דער בלוט פון דעם נביא ווערט דערמאנט נאכאמאל און נאכאמאל. אבער דאס איז נישט געווען קיין אפטע ערשיינונג.

נאר ביים סוף פון בית ראשון האבן מענטשן אנגעהויבן צו זינקען. ירמיהו האט באקומען א פאטש אין פנים פון פַּשְׁחוּר דער כהן. דאס איז געווען אן אומגעווענליכע ערשיינונג. דעמאלטס האבן מענטשן שוין מער נישט געקענט דערהייבן די קריטיק. די אגענטן פונעם קעניג האבן גענומען ירמיהו הנביא און אריינגעווארפן אין א זומפ וואו ער איז געזינקען אין די מאראסט. א שווארצער שקלאף איז פונקט אריבער און געזען וואס דא געשעט איז ער שנעל געלאפן צום קעניג דערציילן וואס ער האט דא געזען. דער קעניג האט געהייסן נעמען שטריק און אים שנעל ארויסציען פון דארט, און אזוי איז ירמיהו געראטעוועט געווארן.

די סארט זאכן זענען געשען נאר ביים סוף, ווייל געוויסע מענטשן האבן מער נישט געוואלט דעם נביא. האט השי״ת געזאגט, איך האב ענק געגעבן די געוואלדיגע מתנה נאר ענק צו העלפן אויף דער וועלט און יענער וועלט. ס׳איז א דרך חיים און איר ווערט מיד דערפון? וועל איך דעריבער אוועקנעמען די מתנה. אזוי האט זיך ליידער אויפגעהערט די נביאים.

ביים חורבן בית המקדש האבן זיך געענדיגט די נביאים. ביים אנהייב פון בנין בית שני זענען נאך געווען געציילטע אלטע נביאים וואס האבן פארגעזעצט פאר א קורצער תקופה, און ווען זיי זענען נפטר געווארן, איז נישט געווען נאך נביאים וואס זענען אויפגעשטאנען. ס׳איז א מערקווירדיגע זאך פון דער געשיכטע, קיינמאל איז מער נישט אויפגעשטאנען איינער וואס זאל אויסרופן, ״כה אמר השם.״

אין די גוי׳אישע ביכער קען מען טרעפען אסאך מאמרים פונעם אותו האיש ימ״ש. פארשטייט זיך אז ס׳איז אלעס פאלש. אבער דער אותו האיש האט זיך אכטונג געגעבן. ער האט קיינמאל נישט געזאגט, ״כה אמר השם,״ דעם ליגענט האט ער זיך נישט דערוואגט צו זאגען, ווייל ער האט אויך געוואוסט אז די נבואה האט זיך אפגעטון פון כלל ישראל.

און מיר דארפן שטענדיג געדענקען די פארלוסט פון נביאים! ווען מיר זיצן אויף דער ערד תשעה באב, איינע פון די זאכן אויף וועלכע מיר דארפן קלאגן איז אז עס איז נישט דא איינער וואס קען אונז זאגן דעם אמת. אונזערע טאטעס און מאמעס פלעגן נאך אמאל עפעס זאגן ווען מיר זענען געווען יונג. א טאטע פלעגט צומאל זאגן עפעס פאר׳ן קינד, באגלייט מיט א פאטש. דאס איז געווען א געוואלדיגע מתנה, אבער דו לעבסט נישט שטענדיג מיט דיינע עלטערן. יעצט ווען דו ביסט שוין א גרויס אינגל, זאגט דיר קיינער

גארנישט. דער רבי און ראש ישיבה זאגן דיר גארנישט ווייל זיי ווילן דיך האבן דא. עס זענען דא אנדערע ישיבות וואס גייען אין קאנקורענץ מיט אים. תוכחה און מוסר זענען פארשוואונדן געווארן. דרך החיים, וואס איז אזוי קריטיש וויכטיג פאר אונזער לעבן, איז פארלוירן געווארן. ווער וועט אונז זאגן?

דא איז א פארפאלק וואס קריגן זיך. זי האלט אז זי איז גערעכט און ער איז שולדיג, און פארשטייט זיך אז דער מאן זאגט פונקט פארקערט. זי איז אינגאנצן נישט גערעכט און ער איז הונדערט פראצענט ריכטיג. איבער דער גאנצער מאפע זענען מענטשן צעקריגט. איז עס נישט קיין טראגעדיע אז יעדער מיינט אז נאר ער איז גערעכט? דא איז געווען א מחלוקה צווישן שכנים וועלכע זענען געקומען צו מיר זיך דורכקומען, אבער יעדער פון זיי איז געווען זיכער אין זיין גערעכטיגקייט. קיינער ווייסט נישט דעם אמת איבער זיך. ווי נישט גערעכט ביסטו! ווי נישט גערעכט!

אין די גאלדענע טעג האבן מיר געהאט די געוואלדיגע מתנה פון תוכחה מוסר וואס האט אונז געזאגט ווי נישט גערעכט מיר זענען. און יעצט זיצן מיר אויף דער ערד אום תשעה באב און קלאגן. אויף וואס וויינען מיר? מיר באוויינען דאס שלימות וואס איז אמאל געווען בנמצא און איז מער נישטא.

אין יענע טעג, כדי צו געבן מער כח פאר די ווערטער פון די נביאים, האט השי"ת ערלויבט פאר די נביאים צו ווייזן מופתים. די ניסים איז נישט געווען סתם אויף צו ווייזן, ס'איז געווען פאר'ן ציל צו הייבן די אויטאריטעט פון דעם נביא. דערמאן דיך די מעשה ווען דער נביא האט געוואלט געבן עשירות פאר אן ארעמע פרוי. ער וואלט איר געקענט ברענגען א פולע זעקל מיט גאלדענע מטבעות, אבער דאס וואלט געווען צו פשוט. וואס האט ער געטון? ער האט צוגעברענגט אז די פאס אויל זאל איבעררינען און ס'האט אנגעהויבן ארייצופליסן אויל אין די אנדערע פעסער. אזוי ווערט געברענגט אין פסוק.

זי האט אנגעגאסן פון דער פאס אריין אין די אנדערע און דערנאך נאך איינע ביז זי האט אנגעפילט אסאך פעסער פון דער איינער פאס. דאס איז א נס! פארוואס האט עס אויסגעפעלט? ברענגען א זעקל געלד וואלט נישט געווען גענוג א דעמאנסטראציע פונעם אויבערשטן? השי"ת האט געגעבן דעם נביא דעם כח צו ווייזן מופתים ווייל אזוי האבן אים די מענטשן מער רעספעקטירט. די ניסים האבן זיך אפגעשטעלט ביים חורבן. היות די נביאים האבן זיך געענדיגט, האט מער נישט אויסגעפעלט ניסים.

ווען מיר זעצן זיך אויף דער ערד תשעה באב, זאלן מיר דאס נישט פארגעסן. מיר זאלן האבן אויף דער מחשבה די געוואלדיגע מתנה פון תוכחה, פון הערן מוסר פונעם מויל פונעם נביא. און דאס איז וואס מיר בענקען אזוי שטארק. כל המתאבל על ירושלים, דו טרויערסט פאר דעם פארלוסט. פארשטייט זיך אז אויב דו וויינסט דערויף, מיינט אז דו ביסט גרייט צו הערן קריטיק, אפילו נישט פון א נביא.

יארן צוריק איז א אינגל צוגעקומען צו מיר אין ישיבה - איך בין געווען דער משגיח - און ער זאגט מיר, "אויב איר זעט עפעס נישט ריכטיג אין מיר זאלט איר מיר זאגן." איך

בין כמעט אראפגעפאלן פון בענקל. דאס איז געווען אן איינמאליגע געשעעניש אין מיין גאנצער היסטאריע. איך ווייס נישט ווי שטארק ער האט עס געמיינט, אבער ס'האט זיך געהערט גוט.

אמאליגע צייטן האבן מענטשן נאר געוואלט זיך פארבעסערן. אויב דו מיינסט אמת'דיג דעם פארלוסט, דארפסטו גיין צו פלעצער וואו איינער וועט דיר קריטיקירן. אויב דו קענסט נישט טרעפן אזא פלאץ, וועסטו מוזן אויסוועלן א מענטש וואס דו וועסט אים געטרויען און אים זאגן, "איך וויל דו זאלסט מיר זאגן אלעס וואס דו זעסט נישט גוט אין מיר." פארשטייט זיך אז איר וועט עס נישט טון, אבער איך זאג עס ענק ווייל איר זאלט הערן פון מיר אן עצה טובה.

## פרייליכקייט דורך דער נביא

מיר האבן פארלוירן אסאך פרייליכקייט וואס די נביאים האבן צוגעברענגט. אין יענער צייט, אויב פלעגן מענטשן גיין אין ארץ ישראל און זיך אפרעדן אז ס'איז צו הייס אין גאס, האט זיך דער נביא אנגערופן, "פארוואס זאגסטו אז ס'איז צו הייס?! השי"ת איז גורם אז די טרויבן זאלן זיך אנבלאזן מיט זאפט! די פייגן ווערן געשוואלן מיט זיסקייט. די טייטלען וואקסן מיט סירופ אינעווייניג! דאס איז אלעס פון דער זון און דו האסט טענות צו השי"ת?" אזוי פלעגט דער נביא רעדן. איך שטעל מיך פאר אז אין יענע צייטן האט מען נישט אזוי גערעדט. מענטשן האבן וואויל געוואוסט אז די זון איז גוט פאר די מענטשן און פלאנצונגען און האבן זיך נישט אפגערעדט.

ווען שניי איז געפאלן אין ירושלים און מענטשן וואלטן געזאגט, די שניי איז אומבאקוועם... זאל נאר דער נביא הערן אזעלכע ווערטער! ער וואלט זיי גלייך געשטעלט אין פלאץ. ווייסטו נישט אז די פארמערס זענען מתפלל פאר שניי? ווי מער שניי אינעם ווינטער אלץ מער פייכקייט גייט אריין אין דער ערד מאכנדיג אז די פלאנצונגען זאלן בעסער שפראצן און דו רעדסט זיך אפ אויף אזא מתנה?

מענטשן האבן זיך געלערנט צו זיין פרייליך. שטעל דיך פאר אז מענטשן זענען פרייליך ווען ס'איז קאלט. קעלט איז זייער וויכטיג! די ערד הערט אויף צו פראדוצירן ווען ס'איז קאלט און ס'רוט זיך אפ. דערפאר זאגן מיר "ברוך ה' יום יום", מיר זענען פרייליך מיט'ן וועטער יעדן טאג. מיר זענען פרייליך ווען ס'איז קאלט. מיר זענען פרייליך מיט די היץ. ווען ס'רעגנט זאגסטו, "רעגן רעגן גיי אוועק"?! ח"ו. דער נביא וואלט געזאגט, "חס ושלום!" ביסטו נישט געשטאנען דעם פארלאפענעם ראש השנה צוויי-דריי שעה און געבעטן אויף רעגן? דאס אלעס איז וואס דו האסט געבעטן: רעגן און רעגן און נאכאמאל רעגן, און יעצט ווען סקומט, ביסטו פרייליך מיט די רעגן?!

## די זיבעציג זקנים לערנען אנערקענען די גוטס

דעריבער דארפסטו האבן א נביא דיך צו מאכן פרייליך אויף דער וועלט. דו ווייסט אז

ווען די בני ישראל האבן אנגעהויבן זיך צו באקלאגן אין מדבר, וַיְהִי הָעָם כְּמִתְאֹנְנִים, האט משה רבינו געזאגט צו השי״ת, ״איך קען זיי נישט העלפן. איך ווייס נישט וואס צו טון.״ האט השי״ת געזאגט צו אים, אֶסְפָה־לִּי שִׁבְעִים אִישׁ, נעם צאם זיבעציג מענער, און איך וועל זיי מאכן נביאים (במדבר יא, טז).

די שאלה איז: וואס וועלן די זיבעציג זקנים העלפן? וועלן זיי האבן די מעגליכקייט צוצושטעלן אלעס וואס די מענטשן האבן געוואלט עסן? זיי זענען דאך נישט געווען בעקערס און קצבים? זיי האבן געוואלט בעסערע עסן נישט נביאים.

דער ענטפער איז אז די זיבעציג זקנים וועלן געבן פאר די מענטשן דאס וואס איז דאס מערסטע וויכטיג: זיי וועלן געבן שכל! זיי פלעגן זיך איינזאמלען ארום די אידן און געבן דרשות. זיי פלעגן רעדן צו די אידן. א נביא איז געווען א גוטער רעדנער! זיי פלעגן מסביר זיין ווי גוט איז צו האבן מן. זיי פלעגן זאגן צו איינעם, ״נעם דעם מן און שטעל זיך פאר אז דאס איז א זיבן שטאקיגע טשאקלאד קעיק!״ און דער נביא פלעגט פארזעצן זיי מסביר צו זיין אז עס נעמט פיל הארעוואניע און קאפ־ארבעט זיך פארצושטעלן אז ס׳איז א זיבן שטאקיגע קעיק, און ווער סהאט זיך צוגעהערט, האט גענומען א שטיקל מן און אריינגעביסן און טאקע געשפירט דעם טעם פון א זיבן שטאקיגע טשאקלאד קעיק!

ווען דו ווילסט שפירן דעם טעם וועסטו דאס שפירן. אויב דו ווילסט זיין פרייליך וועסטו זיין פרייליך! דו האסט פרייליכקייט אין דיין פנימיות. ס׳איז נאר דיין נארישקייט וואס לאזט דאס נישט ארויסקומען... דו דארפסט א נביא וואס זאל דיר אויסלערנען ווי אזוי צו לעבן ריכטיג, און דאס איז פארוואס די זיבעציג זקנים זענען געווען דא, מסביר צו זיין פאר די מענטשן ווי גליקליך זיי זענען. ״קוק דו האסט נישט קיין גויים ארום דיר. דו ביזט באשיצט און פארזיכערט דא. דו ביזט מער פארזיכערט ווי דו וועסט זיין און דיין עתיד וואס ווארט דיר אפ...״ משה רבינו איז געווען דאס מערסטע זיגרייכער גענעראל וואס מיר האבן אמאל געהאט. מיר זענען כסדר געווען באשיצט פון די ענני כבוד. ״וואס רעדסטו זיך נאך אפ?!״

דאס איז געווען דער ציל פון די זיבעציג נביאים. מיר האבן געדארפט האבן זיבעציג מענטשן וואס זענען געווען פעאיג צו רעדן צו די אידן און זיי לערנען צו זיין פרייליך מיט די פשוט׳ע זאכן אין לעבן: ברויט, וואסער, גראז, לופט, דער ווינט, אלעס! דער נביא האט אונז געלערנט ווי אזוי צו לעבן ווי עס באדארף צו זיין.

דער נביא איז געווען א געוואלדיגע מתנה אין יענער צייט. א מתנה פאר פיזישע פרייליכקייט, צו ברענגען שלום צווישן מענטשן, און אוודאי נאכמער וויכטיג, דער נביא איז געווען דער וואס האט אונז געוויזן דעם וועג. דֶּרֶךְ חַיִּים תּוֹכְחוֹת מוּסָר, ווי אזוי צו מצליח זיין צו קענען זוכה זיין צו חיי עולם הבא. ס׳איז נישט קיין שאלה. אין עולם הבא שטייען אלע צדיקים פון יענע דורות קעגן השי״ת און רופן אויס, ״אוֹדְךָ הַשֵּׁם כִּי אָנַפְתָּ בִּי - איך דאנק דיר השי״ת אויף דעם וואס דו האסט געצערענט אויף מיר (ישעיהו יב, א). אז דו ביזט

געווען ברוגז אויף מיר, האסטו געשיקט דעם נביא קעגן מיר. אהה! ווי גליקליך בין איך אז איך האב געלעבט אין די טעג ווען איך האב געהאט א נביא מיך צו קריטיקירן.״

אלזא, היינטיגע צייטן ווען מיר טרויערן אויף וואס מיר האבן געהאט, באקומען מיר אן הבטחה פון השי״ת, זוכה וראה בשמחתה, דו וועסט ווערן באלוינט און דו וועסט זען די שלימות און פרייליכקייט פון ירושלים.

וואס מיינט אז דו וועסט ווערן באלוינט צו זען די ישועה אין ירושלים? וועסטו זען דעם נביא? א שאלה קומט ארויף, איז נישט רש״י געזעסן אויף דער ערד אום תשעה באב און געקלאגט אויף ירושלים? און רש״י האט נישט געזען קיין נביאים קומען. דער רמב״ם, דער רשב״א, די צדיקים און תנאים פון פריער האבן געקלאגט אויף ירושלים און זיי האבן נישט געזען די ישועה. ס׳איז א שאלה. וואס האבן די חכמים געמיינט צו זאגן אז מען וועט זוכה זיין צו זען די בענעפיטן פון ירושלים?

## די שמחה פון ירושלים: סייעתא דשמיא

לאז מיר דיך זאגן וואס דאס מיינט. ער וועט זען די שמחה וואס ירושלים וואלט אים ווען געקענט געבן. צום ביישפיל, א צדיק ווי רש״י וואס קלאגט אויף דעם וואס עס איז מער נישט דא קיין נביא אים צו שטעלן אין פלאץ, זאגט דער אויבערשטער, ״דו ווילסט איינעם וואס זאל דיר לערנען דעם ריכטיגן וועג? איך וועל דיר עס געבן אין א פארעם פון סייעתא דשמיא. ווען א מענטש בעט פאר יראת שמים, באקומט ער עס. קומט אויס אז אפילו די צדיקים האבן נישט באקומען קיין נביאים, האבן זיי באקומען גרויסקייט פון באשפעה.

## ווי מער דו טרויערסט אלץ מער וועסטו זיך פרייען מיט׳ן שלימות

און אויב דו זיצט אויף דער ערד אינאיינעם מיט אנדערע אידן און דו יאמערסט פאר די פארלוסטן, דאן זאגט השי״ת, כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה, דו וועסט זוכה זיין צו זען אביסל פונעם שלימות וואס ירושלים פלעגט געבן אין דער צייט פון בית המקדש.

שִׂמְחוּ אֶת־יְרוּשָׁלַם וְגִילוּ בָהּ כָּל־אֹהֲבֶיהָ, די אלע וואס האבן ליב די פריווילעגיע וואס ירושלים פלעגט געבן וועלן זיך פרייען מיט בנין בית המקדש, און אפילו אויב מיר וועלן נישט זוכה זיין דאס צו זען מיט די אייגענע אויגן, זאגט השי״ת אז זוכה ורואה בשמחתה. השי״ת פארזיכערט דיר אז די געוואלדיגע מאס פון שלימות וועט אנקומען צו דיר אפילו נאך פאר משיח׳ס אנקום.

# שאלות ותשובות

## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**שאלה:**

**די גמרא זאגט אז רבי צדוק האט געפאסט פערציג יאר פאר'ן חורבן בית המקדש אז די חורבן זאל נישט צושטאנד קומען. איז דאס נישט געקומען פון מרה שחורה אדער דיפרעסיע?**

**תשובה:**

איך בין נישט געווען דארט אבער איך קען אייך גאראנטירן אז נישט! איך גלייב אז ער איז געווען מער פרייליך ווי אונז מיט אונזערע ברייטע פרישטאגס און מיטאגס, ווייל ס'איז נישט די עסן וואס מאכט אונז פרייליך נאר איזהו עשיר השמח בחלקו, ס'איז אין די מח וואס מאכט א מענטש פרייליך. דער צדיק, ווען ער האט געגעסן ביינאכט האט ער געשעצט די עסן. מיינט נישט אז רבי צדוק האט זיך אראפגעזעצט און געקרימט מיט די נאז: "פוי, ניין!" ער האט געגעסן מיט אפעטיט און געדאנקט דעם אויבערשטן פאר דעם. ער איז נישט געווען מרה שחורה'דיג בכלל.

מוצאי תשעה באב איז א גוטע געלעגענהייט זיך צו לערנען ווי אזוי צו שעצן די מתנה פון עסן. ווען איר זעצט זיך אוועק צו עסן אייער ברויט און וואסער זאלט איר הנאה האבן דערפון ביז צום סוף ווייל די סיבה פארוואס מען פאסט איז נישט צו פאסטן נאר אונז צו לאזן וויסן אז הקדוש ברוך הוא איז דער וואס איז גומל חסדים טובים און דערפאר דארפ'ן מיר פאסטן אז מיר זאלן הנאה האבן פון די עסן מוצאי תשעה האב. דאס איז איינע פון די תוצאות פון א תענית ציבור!


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט:**

**347-755-8860**

yiddish@torasavigdor.org

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן